# The Meaning of Pesach

*Printed in Igros Kodesh Vol. 18 pp 317-319*

**ו'תתה**

By the Grace of G-d,
11th of Nissan, 5719 [April 19, 1959]
Brooklyn, N.Y.

To my Brethren, Everywhere
G-d bless you!

Sholom u'Brocho:

Approaching the Festival of Matzos, the Season of Our Liberation, I send my prayerful blessing to my brethren everywhere that the festival instill into the daily life of every Jew and Jewess true and complete liberation from all anxiety and adversity, both material and spiritual, so as to rise to the inner meaning of Yetzias Mitzrayim [the Exodus from Egypt], the prelude to Receiving the Torah, and to fulfill the Divine promise: "When you will bring out the people from Mitzrayim you will serve G-d on this Mount (Sinai)."

* * *

Matters connected with Torah and Mitzvos are, of course, infinite and eternal, as G-d Himself Who has ordained them; so are also their instructive teachings, which are valid for all times and places, and can and must be applied in daily life. Even more so in the case of such a comprehensive matter as the Yom Tov of Pesach, of Yetzias Mitzrayim, which we are enjoined to remember every day.

One of the instructive messages of the Yom Tov of Pesach is that a Jew has the inner capacity and actual ability to transform

ב"ה,
י"א נִיסָן, ה'תשי"ט
בְּרוּקְלִין, נ.י.

צוּ אַחֵינוּ בְּנֵי יִשְׂרָאֵל, בְּכָל אֲתַר וַאֲתַר
ה' עֲלֵיהֶם יִחְיוּ

שָׁלוֹם וּבְרָכָה!

דֶערְנֶעעֶנְטֶערְנְדִיק זִיךְ צוּם יוֹם־טוֹב פוּן אוּנְזֶער בַּאפְרַייְאוּנְג, חַג הַמַּצּוֹת, זְמַן חֵרוּתֵנוּ, שִׁיק אִיךְ מַיְין בְּרָכָה צוּ אִידְן אוּמֶעטוּם, אַז דֶער יוֹם־טוֹב זָאל אַרַייְנְבְּרֵיינְגֶען אִין טָאג־טֶעגְלֶעכֶען לֶעבֶּען פוּן יֶעדֶען אֵיינֶעם אוּן אֵיינֶער, אַן אֱמֶת'עֶ אוּן פוּלֶע בַּאפְרַייְאוּנְג פוּן אַלֶע זָארְג אוּן שְׁטֶערוּנְגֶען, מַאטֶערְיֶעלֶע אוּן גַייְסְטִיקֶע, אוּן דֶערְהוֹיבֶּען זִיךְ צוּם אִינֶערְלֶעכֶען אִינְהַאלְט פוּן יְצִיאַת־מִצְרַיִם, אַלְס אַרַייְנְפִיר צוּ קַבָּלַת־הַתּוֹרָה, פַארְוִוירְקְלֶעכֶען דֶעם גָ־טְלֶעכֶען צוּזָאג: בְּהוֹצִיאֲךָ אֶת הָעָם מִמִּצְרַיִם תַּעַבְדוּן אֶת הָאֱלֹקִים עַל הָהָר הַזֶּה (אַרוֹיסְפִירֶענְדִיק דָאס פָאלְק פוּן מִצְרַיִם, וֶועט אִיר דִינֶען גָ־ט אוֹיף דֶעם בַּארְג - סִינַי).

* * *

עִנְיָנִים פוּן תּוֹרָה אוּן מִצְווֹת זַיְינֶען, זֶעלְבְּסְטְפַארְשְׁטֶענְדְלִיךְ, - ווִי דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער ווָאס הָאט זֵיי אוּנְז גֶעגֶעבֶּען - אוּמֶענְדְלֶעךְ אוּן אֵייבִּיק. אַזוֹי אוֹיךְ זֵייעֶרֶע אָנְווַיְיזוּנְגֶען, ווָאס מֶען קֶען אוּן מֶען דַארְף לֶערְנֶען פוּן תּוֹרָה אוּן מִצְוֹת - זַיְינֶען גִילְטִיק אִין אַלֶע צַיְיטְן אוּן אַלֶע לֶענְדֶער. וּבִפְרַט - אַזַא מִצְוָה אוּן אַן עִנְיָן כְּלָלִי ווִי דֶער יוֹם־טוֹב פֶּסַח - יְצִיאַת מִצְרַיִם, ווָאס מֶען דַארְף עֶס דֶערְמָאנֶען יֶעדֶען טָאג.

אֵיינֶע פוּן דִי אָנְווַיְיזוּנְגֶען פוּן דֶעם יוֹם־טוֹב פֶּסַח אִיז - אַז אַ אִיד הָאט דִי כֹּחוֹת אוּן קֶען בְּפוֹעַל אִין אַ קוּרְצֶע צַיְיט, אִין אַ ווַיְילֶע -

himself, in a short time, from one extreme to the opposite. Our Holy Scriptures and Rabbinic sources describe in detail the bitterness of the enslavement in Egypt and the nadir of spiritual depravity to which the enslaved Jews had sunken in those days.

Enslaved in a country from which even a single slave could not escape; completely in the power of a Pharaoh who bathed in the blood of Jewish children; in utmost destitution; broken in body and spirit by the meanest kind of forced labor - suddenly Pharaoh's power is broken; the entire people is liberated; the erstwhile slaves emerge from bondage as free men, bold and dignified "with an outstretched arm" and "with great wealth."

Likewise is their spiritual liberation in a manner that bespeaks a complete transformation. After having sunk to the 49th degree of unholiness, to the point of pagan idolatry - they suddenly behold G-d revealed in His full Glory, and only a few weeks later they all stand at the foot of Mount Sinai on the highest level of holiness and prophecy, and G-d speaks to each one of them individually, without any intermediary, not even that of Moshe Rabbeinu, and declares: "I am G-d, thy G-d!"

The lesson is highly instructive:

No matter what the status of the Jew is, individually or collectively; no matter how gloomy the position appears to be in the light of human appraisal, the Jew must remind himself every day of Yetzias Mitzrayim - and strive effectively towards complete liberation and freedom, in a bold manner ("with an outstretched arm") and to the fullest attainment ("with great wealth"): freedom from all shackles and obstacles in escape from his "Mitzrayim," in order to reach the height of "priestly kingdom and holy nationhood," through Receiving the Torah in all respects "as in the days of your liberation from Mitzrayim."

There must be no pause and no hesitation on this road; there must be no resting on one's initial accomplishments; one must go on and on, higher and higher, until one apprehends and experiences the call: "I am G-d, thy G-d!"

This message of Pesach is especially urgent and timely in our present time and age, when Jews as individuals and in groups have bestirred themselves to seek for a way of liberation from their spiritual bondage, and to set foot on the road of true freedom of the spirit; above all to completely free themselves from the fear of "What will the goy [nations] say?"

אִיבֶּערְשְׁטֶעלֶען זִיךְ - מִן הַקָּצֶה אֶל הַקָּצֶה (פוּן אֵיין עֶקְסְטְרֶעם צוּם דֶעם עֶנְטְגֶעגֶענְזֶעצְטֶען).

אִין תְּנַ"ךְ און אִין דִבְרֵי חַזַ"ל וֶוערְט אוֹיסְפִירְלֶעךְ גֶעשִׁילְדֶערְט דִי בִּיטֶערְקַיְיט פוּן גָלוּת־מִצְרַיִם און דִי טִיפְסְטֶע גֶעפַאלֶענְקַיְיט פוּן דִי אִידֶען אִין יֶענֶער צַיְיט.

פַארְשְׁקְלַאפְט אִין אַ לַאנְד פוּן וַואנֶעט אֲפִילוּ אֵיין אֵיינְצִיקֶער קְנֶעכְט הָאט נִיט גֶעקֶענְט אַנְטְלוֹיפֶען, אוּנְטֶער דֶער פוּלְשְׁטֶענְדִיקֶער מַאכְט פוּן אַ פַּרְעֹה, וָואס בָּאדט זִיךְ אִין בְּלוּט פוּן אִידִישֶׁע קִינְדֶער. אִין גְרֶעסְטֶער אָרִימְקַיְיט און צוּבְּרָאכֶען פוּן גְזֵרוֹת און עֲבוֹדַת פֶּרֶךְ - אַן אַרְבֶּעט וָואס צוּבְּרֶעכְט דֶעם גוּף מִיט דֶער נְשָׁמָה - און אָט אִיז פַּרְעֹה'ס מַאכְט גֶעבְּרָאכֶען, עֶס קוּמְט דִי בַּאפְרַייְאוּנְג פוּן דֶעם גַאנְצֶען פָאלְק, און דִי בַּאפְרַייְאוּנְג אִיז - בְּיָד רָמָה וּבִרְכוּשׁ גָּדוֹל (מִיט שְׁטָאלְץ און בַּאגְלֵייט מִיטְ'ן גְרֶעסְטֶען רַיְיכְטוּם).

דָאס גְלַיְיכֶען אִיז דִי גְאוּלָּה אִין גַיְיסְטִיגֶען זִין - אוֹיךְ גֶעוֶוען פוּן אֵיין עֶקְסְטְרֶעם צוּם אַנְדֶערֶען: אִידֶען זַיְינֶען פַארְזוּנְקֶען אִין מ"ט שַׁעֲרֵי טוּמְאָה, בִּיז צוּ דֶער מַדְרֵגָה פוּן עֲבוֹדָה זָרָה - און אָט אַנְטְפְּלֶעקְט זִיךְ צוּ זֵיי דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער בִּכְבוֹדוֹ וּבְעַצְמוֹ, און אִין גֶעצֵיילְטֶע וָואכֶען שְׁטֵייעֶן זֵיי אַלֶע בַּיְים בַּארְג סִינַי, אִין דֶער הֶעכְסְטֶער מַדְרֵגָה פוּן הֵיילִיגְקַיְיט און נְבוּאָה, און דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער רֶעדט צוּ יֶעדֶען אֵיינֶעם פוּן זֵיי דִירֶעקְט, אָן קֵיין פַארְמִיטְלוּנְג, אֲפִילוּ נִיט פוּן מֹשֶׁה רַבֵּנוּ - און זָאגְט: אָנֹכִי ה' אֱלֹקֶיךָ!

* * *

דִי לֶערֶע און אָנְוַוייְזוּנְגֶען דֶערְפוּן זַיְינֶען:

וִוי דֶער מַצָּב פוּן אַ אִידֶען - אַלְס כְּלַל, אָדֶער אַלְס פְּרַט - זָאל נִיט זַיְין, וִוי דִי לַאגֶע זָאל נִיט אוֹיסְזֶען לוֹיט דֶער אָפְּשַׁאצוּנְג פוּן מֶענְשְׁלִיכֶען שֵׂכֶל, דַארְף אַ אִיד יֶעדֶען טָאג דֶערְמָאנֶען זִיךְ יְצִיאַת מִצְרַיִם - שְׁטְרֶעבֶּען און טָאן פַאר דֶער פוּלְשְׁטֶענְדִיקֶער חֵרוּת און גְאוּלָּה, אַ גְאוּלָּה, און בְּיָד רָמָה וּבִרְכוּשׁ גָּדוֹל - פוּן אַלֶערְלֵיי פַארְשְׁקְלַאפוּנְגֶען און פוּן אַלֶע שְׁטֶערוּנְגֶען אוֹיפְ'ן וֶועג פוּן זַיְין "מִצְרַיִם" - בִּיז צוּם וֶוערְן מַמְלֶכֶת כֹּהֲנִים וְגוֹי קָדוֹשׁ און מְקַבֵּל זַיְין דִי תּוֹרָה - אַלְץ "וִוי אִין דִי טֶעג פוּן דַיְין אַרוֹיסְגֵיין פוּן לַאנְד מִצְרַיִם".

מֶען טָאר זִיךְ נִיט אָפְּשְׁטֶעלֶען אָדֶער קְווֵיינְקְלֶען זִיךְ אִין וֶועג; מֶען טָאר זִיךְ נִיט בַּאגֶענוּגֶענֶען מִיט דִי עֶרְשְׁטֶע דֶערְגְרֵייכוּנְגֶען; מֶען דַארְף גֵיין וַויְיטֶער, שְׁטַיְיגֶען הֶעכֶער און הֶעכֶער, בִּיז מֶען דֶערְהֶערְט און מֶען דֶערְפִילְט דֶעם אָנֹכִי ה' אֱלֹקֶיךָ.

* * *

דִי דָאזִיקֶע אָנְוַויְיזוּנְגֶען זַיְינֶען סְפֶּעצִיעֶל וִויכְטִיק און צַיְיטְמֶעסִיק אִין אוּנְזֶער צַיְיט, וֶוען עֶס מֶערְקְט זִיךְ אַ בַּאוֶועגוּנְג, נִיט נָאר פוּן יְחִידִים נָאר אוֹיךְ פוּן גַאנְצֶע גְרוּפְּן און שִׁיכְטֶען, צוּ בַּאפְרַייְעֶן זִיךְ פוּן גַיְיסְטִיקֶער פַארְשְׁקְלַאפוּנְג, און צוּ גֵיין אוֹיפְ'ן וֶועג פוּן אֱמֶת'עֶר חֵירוּת - פוּלְשְׁטֶענְדִיגֶע בַּאפְרַייְאוּנְג פוּן דֶעם שְׁרֶעק "וָואס וֶועט זָאגֶען דֶער גוֹי",

Listen to the classes at 30Letters30Days.com

The Letter is reprinted with permission from Kehot

The "goy" of every description, including the goyeshe prodding of misguided Jews, and the "goy" within one's self, the Yetzer Hora. To these, especially, Pesach calls: Do not stop; go further rise higher, "with an outstretched arm!" Your liberation will then be complete and certain, "with the young and the old, the sons and the daughters," and with great wealth.

With blessing for a kosher and happy Pesach, and may the Prophetic promise, "as in the days of thy liberation from Egypt will I show him wonders," through our righteous Moshiach, be soon fulfilled in our own time.

Menachem Schneerson

[1] Printed in *Hagadah Shel Pesach Im Likkutei Taamim, Minhagim Ubi'urim* (Kehot 5747 – 1987) p. 585.
[2] *Shmoth Rabba, Parsha* 3:4. Ibid. *Parsha* 24:2.
[3]See *Alter Rebbe's Shulchan Aruch*, section *Orach Chaim* ch. 67.
[4] *Mechilta, Parsha Yisro* ch. 18:11.
[5] *Shmoth Rabba* end of *Parsha* 1. See also *Targum Yonatan* on *Shmoth* 2:23.
[6] See Nachmonides on *Devarim* 16:3.
[7] See *Torah Ohr*, beginning of *Parsha Shmoth*, in the explanation on [the *Maamor*] "*Vayemareru Es Chayeihem*." Also ibid. *Ohr HaTorah*.
[8] See *Bchoroth* 5b.
[9] The lowest level of *Tum'ah*, (spiritual impurity).
[10] *Zohar Chadash* on *Yisro* (p. 31:a. At length in *Tzror Hamor*, quoted in *Shaloh* on tractate *Psachim*, in the section on *Ma Nishtana*). Also *Mechilta, Shmoth* 14:29.
[11] The Divine level of *Malchuth De'Ein Sof*, and *Atzmus Ein Sof Shelifnei Hatzimtzum*. (The Rebbe Rashab.) (This most Sublime level of G-dliness was revealed at the splitting of the Sea.)
[12] Note Maimonides' *Hilchoth Yesodei HaTorah*, ch. 8. Also, the *Maamor Eiduth* of the Tzemach Tzedek (Printed in his *Sefer Hach'kirah*).
[13] *Micah* 7:15. See Maamor "*Kimei Tzetcha*," 5708 (1948), (of the Rebbe, my father-in-law.)
[14] The Goy-gentile type in all aspects – as noted further in the paragraph.
[15] *Shmoth* 10:9.

דֶער גוֹי אִין פָּשׁוּט׳ן זִין פוּן וָוארְט, דִי גוֹי׳עֶשֶׁע רֵייד פוּן אַ פַארְבְּלָאנְדזֶ׳עטֶען אִידְן, אוּן דֶער גוֹי וָואס בַּא זִיךְ אַלֵיין - דֶער יֵצֶר הָרָע.

צוּ זֵיי אִיז דֶער רוּף פוּן פֶּסַח: שְׁטֶעלְט זִיךְ נִיט אָפּ, גֵייט וַוְייטֶער, שְׁטַייְגְט הֶעכֶער אוּן - בְּיָד רָמָה.

אוּן דַאמָאלְס אִיז זִיכֶער, אַז אִיר וֶועט אַרוֹיס לְחֵירוּת "מִיט דֶער יוּגֶענְט אוּן מִיט דִי אַלְטֶע, מִיט דִי זִין אוּן מִיט דִי טֶעכְטֶער", בִּרְכוּשׁ גָּדוֹל.

בְּבִרְכַּת חַג הַפֶּסַח כָּשֵׁר וְשָׂמֵחַ, אוּן אַז בִּמְהֵרָה בְּיָמֵינוּ, זָאל מְקוּיָּם וֶוערֶען דֶער צוּזָאג כִּימֵי צֵאתְךָ מֵאֶרֶץ מִצְרַיִם אַרְאֶנּוּ נִפְלָאוֹת עַל יְדֵי מָשִׁיחַ צִדְקֵנוּ.

מְנַחֵם שְׁנֵיאוֹרְסָאהן

נדפסה בהגש"פ עם לקוטי טעמים מנהגים וביאורים (קה"ת תשמ"ז) ע' תקפה.
אינערלעכען אינהאלט: שמות רבה פ"ג, ד. שם פכ"ד, ב.
דערמאנען יעדן טאג: ראה שו"ע לרבנו הזקן או"ח סי' סז.
איין איינציקער קנעכט: מכילתא יתרו יח, יא.
באדט זיך: שמות רבה ספ"א. וראה ת"י שמות ב, כג.
גרעסטער ארימקייט: ראה רמב"ן לדברים טז, ג.
מיט דער נשמה: ראה תורה אור ר"פ שמות בפי' וימררו את חייהם. אור התורה שם.
גרעסטען רייכטום: ראה בכורות ה, ב.
מ"ט ... עבודה זרה: זהר חדש יתרו (לא, א. באריכות בצרור המור, הובא בשל"ה מס' פסחים פיסקא מה נשתנה). מכילתא שמות יד, כט.
בכבודו ובעצמו: מלכות דאין סוף ועצמות דא"ס שלפני הצמצום (אדמו"ר - מהורש"ב - נ"ע).
העכסטער מדרגה: להעיר מרמב"ם הל' יסוה"ת פ"ח. מאמר עדות לאדמו"ר הצמח צדק (נדפס בספר החקירה שלו).
ווי אין: מיכה ז, טו. ראה ד"ה כימי צאתך ה'תש"ח (לכ"ק מו"ח אדמו"ר).
מיט דער יוגענט: שמות י, ט.



The Letter is reprinted with permission from Kehot